# משנתו

מאמרים, מאורעות ופעולות בתוככי היהדות הנאמנה ההולכים לאורו של

## מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

יו"ל ע"י תלמידי וחסידי סאטמאר - ארה"ב

שנה ו' גליון קפ"ז | בלק - פנחס תשפ"ה לפ"ק

# מלחמה דעקלעראציע!!!

אלע 80,000 בני ישיבות אין ארץ ישראל ווערן דערקלערט אלס 'פארברעכער' דורך פארברעכערישע ציונים פאַר'ן 'חטא' פון וועלן בלייבן ערליכע אידן

**רשעי הצה"ל סטראשען צו ארעסטירן בני ישיבות!**

**חברי בידץ העדה החרדית – ביי אסיפה אין לשכת העדה וואו מ'האט איבערגערעדט שווערער מצב – פאדערן אויף פון הנהלת העדה צו שטיין לימינם פון מצילי 'מרכז עזרה ויעוץ', וועלכע זענען אויסטערליש איבערגעשטרענגט, און די ארבעט ווערט שווערער פון טאג צו טאג**

צה"ל שיקט ארויס פרישע 54,000 צווי גיוס פאר צו אלע וואס האבן נאכנישט באקומען אין פריערדיגע רונדעס // וועט ספעציעל פארקירצן די צייט צו ווערן שנעלער דערקלערט אלס 'משתמט' // וועלן אראפשטעלן וואך-פונקטן אויף שאסייען צו טרעפן משתמטים // הונדערטער טורמע צעלן גרייט פאר 'משתמטים', מעלדט מעגליכקייט אויפצושטעלן גרעסערע טורמע 'קעמפס' צו אקאמאדירן ארעסטירטע, הילי"ת // נייע ספעציעלע פאליציי אפטיילונג וועט זיך אפגעבן בלויז מיט ארעסטירן משתמטים // חרדי'שע פארטייען נוצן אויס פאניק צו פרובירן דורכשטופן גאר שענדליכן חוק הגיוס מיט שרעקליכע פשרות – זעט מער דערוועגן אויף זייט 4

כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א רופט אויס:

## הונדערטער תפיסה צעלן איז נישט גענוג! טויזנטער אידישע בחורים זענען גרייט אנצופולן ציונ'יסטישע טורמעס און זיך נישט שטעלן צום טמא'נעם מיליטער ח"ו!

זעט פולע דברות קודש אויף זייט 3

יהדות ניו יארק פעלזן פעסט קעגן גזירת החינוך:

## נייע געריכט קלאגע פאדערט אפצושטעלן אומזיסטע רדיפות קעגן ערליכן חינוך דורך פיינטליכע סטעיט עדיוקעישאן דעפארטמענט

נייע קלאגעס אריינגעגעבן דורך געניטע אדוואקאטן פון מוסדות סאטמאר און סקווירא, נאך לעצטיגן פרישן דורכפאל פון "פערלס" אין קאורט און אפיעלס – קלאגע פאדערט צו ערלויבן די מוסדות אויסצונוצן נייעם פרא-חינוך געזעץ, און אויך אז מוסדות זענען לעגאל אויסגעהאלטן לויט "פעלדער געזעץ"

**מוסדות הק' דערקלערן ווידעראמאל שטאנדהאפטיגקייט צו טון אלעס אין דער וועלט נישט צו ערלויבן די רעגירונג זיך אריינצומישן אין ערליכן חינוך, און וועלן נישט איינשטעלן קיין שום פשרות אין סדר ותוכן הלימודים – יהדות ניו יארק נעמט אויף מיט צאפלדיגער האפענונג פרישע אנטוויקלונגען, און איז מתפלל פאר הצלחה אין קריטישע שריט**

לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי

9

משה יודא יואל ווייס

# קאמף קעגן טריפה'נע שקאלעס אין ארה"ק



**פארזעצונג פון פריער:**
נאך וואס פראנקל גייט אן מיט גרויס פרעכהייט אין זיינע פלענער צו גרינדן די נייע שולע, קומען גדולי וחכמי ירושלים ארויס מיט א גאר שארפן איסור דערקעגן.
**און אצינד לייענט ווייטער:**

דער הארבער איסור איז אויסגערופן געווארן אין "חורבת רבי יהודה החסיד" ווען בשעת מעשה האט מען ארויסגענומען אלע ספרי תורות, געצינדן שווארצע ליכט, און אויסגערופן אין נוסח פון א חרם אז "**מיר זענען גוזר בגזירה חמורה און אסר'ן באיסור גמור בכל תוקף ... יעדן איד מאחינו כל כוללות האשכנזים וואס זענען דא מיט אונז, און וועלכע וועלן קומען נאך אונז, זיך נישט צו באהעפטן און נישט דערנענטערן אין א לערן-שולע ווי דאס, אדער געבן זייערע זין אדער טעכטער צו לערנען דארט, נישט בקביעות און נישט באקראי**". און אזוי ווייטער מיט גאר שארפע לשונות.

דער דאזיגער חרם האט 'געשטעלט דעם טאן' פאר א מלחמה קדושה וואס גייט אן זינט דאן ביזן היינטיגן טאג, אין ירושלים עיה"ק און איבער דער גארער וועלט, א הייליגער קאמף צו באשיצן דעם חינוך הטהור וואס קומט כסדר אונטער אטאקע - טראץ וואס נישט אלע צייטן און נישט אלע פלעצער זענען אייניג, והדברים עתיקין, אבער יענער רוח מלחמה האלט פעסט דאס יהדות החרדית עד ימינו אלה.

## אשכנזים קעגן ספרדים

פראנקל פון זיין זייט האט זיך נישט קיין סאך געקימערט. ער איז אנגעגאנגען ווייטער מיט זיינע שענדליכע פלענער און צילן.

פון איין זייט האט ער געהאט מיט זיך א צאל ספרד'ישע שטיצער, ווי שוין דערמאנט, וואס געוויסע פון זיי האבן נישט ארויסגעהאט די טיפע גיפט וואס ליגט באהאלטן אונטער דעם אומשולדיגן שמייכל פון פראנקל, און זיי האבן מיט זייער תמימות עס באטראכט ווי כאילו א קאמף צווישן ספרדים און אשכנזים, און איבער וועלכע קהלה עס זאל קאנטראלירן ירושלים.

גלייכצייטיג האט פראנקל געהאט אן אפענע טיר ביים עסטרייכישן קאנסול, צו וועמען רוב אשכנזי'שע אידן האבן געמוזט צוקומען פאר'ן טאג טעגליכן לעבן, און ער איז געווען דארט כמעט ווי דער 'קעניג' פון די אשכנזי'שע אידן אין ארץ ישראל, אזוי אז מ'האט זיך געדארפט אכטונג געבן וויאזוי מען פירט ווייטער די מערכה קעגן דעם מקורב למלכות.

דער חרם איז געווארן פארעפנטליכט אין ט' סיון, באלד נאך יו"ט שבועות. וויניגער ווי דריי וואכן שפעטער, כ"ט סיון, איז פארגעקומען א זיצונג צו באהאנדלען דעם בית ספר לעמל. ס'איז פארגעקומען דארט אן אפשטימונג, און ווידער האט זיך ארויסגעשטעלט אז אלע גדולי וחכמי האשכנזים זענען געווען גאר שארף דערקעגן, אבער צווישן די ספרד'ישע רבנים האבן יא רוב אויסגעדרוקט שטיצע פאר פראנקל'ס פלענער.

מ'דארף אויך נעמען אין באטראכט, וואס איז שוין געווארן דערמאנט, אז די ספרד'ישע רבנים האבן געהאט אסאך ווייניגער ערפארונג מיט באקעמפן די משכילים, און האבן נישט געגוג קלאר געקענט 'ליינען צווישן די שורות', אינדערצייט וואס פראנקל האט אנגעשטעלט א פרומען פנים כאילו ער וויל גארנישט און מיינט גארנישט. עפעס וואס זיי האבן אנגענומען פאר גוט געלט.

## א צופליקטע אייראפע

אינצווישן זענען די חכמי ירושלים נישט געזעצן מיט פארלייגטע הענט, און זעענדיג אז דער עסטרייכישער קאנסול שטיצט פראנקל, וואס האט אים געגעבן א מאכטפולן כח, האבן זיי באשלאסן צו נוצן א נייעם טאקטיק.

נאר צוערשט דארף מען מאכן א קורצע הקדמה און אריבערגיין צו די אייראפעאישע זייט פונעם ים הגדול, מיט א בליק אויף יענע שטורמישע תקופה.

דאס יאר תרט"ז איז געווען הארט נאך די ענדע פון די נאפאלעאן מלחמות, וועלכע האבן זיך געענדיגט זומער תרט"ו נאך וואס נאפאלעאן איז ענדגילטיג באזיגט געווארן ביים "שלאכט פון וואטערלו".

אייראפע איז געווען צוריסן פון יארן-לאנג מלחמות, אבער די מלחמות זעלבסט זענען געווען בלאס קעגן די נייע אידעען און ווינטן וואס האבן אנגעהויבן בלאזן. טראץ וואס נאפאלעאן זעלבסט איז געווען א ריכטיגער דיקטאטור, פונקט ווי אלע קעניגן ביז דאן, האט ער אבער פארשפרייט געדאנקען פון פרייהייט, און אפילו דעמאקראטיע, א רעגירונג קאנטראלירט דורכ'ן פאלק.

נאטורליך האבן די קעניגליכע הויפן, וועלכע האבן דאן רעגירט איבער אייראפע מיט אן אייזערנע פויסט - אריינגערעכנט די קעניגליכע "הויז פון האבסבורג" וועלכע האט געהערשט איבער עסטרייך - געזען א גרויס געפאר אינעם אויפשטייג פון די רעפארם געדאנקען, און זיי האבן זיך גענומען גאר שארף אונטערדרוקן יעדע סארט ווינטל וואס האט נאר געשמעקט מיט רעוואלוציע אדער רעפארם.

## קאמף קעגן רעפארם

דאס האט אויך געהאט א שטארקע אויסווירקונג אויף אן אנדערע אנגייענדע קריג, וואס האט דאן שוין געהאלטן דריי הונדערט יאר אריין אינעם געשפאנטקייט: דער קאמף צווישן קאטאליזם און פראטעסטאנטיזם אינערהאלב די קריסטליכע קירכע.

רוב קעניגליכע הויפן זענען פון נאטור אויס געווען פארבינדן מיט'ן פויפסט און די קריסטליכע רעליגיע. די קעניגליכע הויפן האבן אנערקענט אז אויב שפירן די מאסן אז מען קען רעפארמירן די קירכע, דאן פארוואס זאלן זיי נישט קענען דורכפירן ענליכע רעוואלוציעס צו פראנקרייך און אמעריקע, און אראפווארפן פון זיך דעם יאך פון די פריערדיגע קעניגן?

עסטרייך האט געהאט איר אייגענע לאנגע היסטאריע אינעם קאמף, דורכאויס דעם זעכצנטן יארהונדערט, ווען ריזיגע טיילן פון פאלק האבן זיך געהאט אנגעשלאסן אין פראטעסטאנטיזם בעפאר עס איז ברוטאל אונטערדרוקט געווארן אין די "קאנטער רעפארמאציע" וואס די רעגירונג האט אונטערגענומען.

אויף יעצט, מער ווי 200 יאר שפעטער, האט די רעגירונג נאכאלץ באקעמפט פראטעסטאנטיזם מיט א שטייפע האנט.

פאר אידן איז דער דאזיגער קאמף צומאל צונוץ געקומען אינעם קאמף קעגן השכלה און רעפארם. וויבאלד די רעגירונג האט געקוקט מיט א קרום אויג אויף רעליגיע רעפארם ביי זיי אין קירכע, האבן זיי שוין אויטאמאטיש אויך באטראכט מיט חשד די רעפארם באוועגונג צווישן די אידן.

מ'פארשטייט אליין אז פון די אנדערע זייט האבן די 'אידישע' רעפארמער געהאט אנגעקניפט גוטע באציאונגען מיט א גרויסע צאל פון די עסטרייכישע עליטע. נאך אלעם האבן די רעפארמער זיך ערלויבט צו טון זאכן וואס ערליכע אידן וואלטן קיינמאל נישט באוויזן, אנטיילגענומען אין די רעגירונג הוליאנקעס און צערעמאניעס, געטרינקען זייער וויין, געגעסן זייערע עסן, אא"וו.

פארט איז געווען גענוג רעגירונג באאמטע וואס האבן געהאט סימפאטיע צו ערליכע אידן, און זייער קאמף קעגן רעפארם.

די ירושלימ'ער אידן האבן באשלאסן דאס אויסצונוצן.

(פארזעצונג קומט אי"ה)

על משמר החינוך
דרכי המלחמה עפ"י משנתו של מרן רביה"ק מסאטמאר זי"ע

# דברים חוצבים מלהבות אש

## ע"י שר צבא השם כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

**...ס'איז דא א שווערע בשורה פאר כלל ישראל.**

די ממשלת הרשעה האט נעכטן געמאלדן אז מ'גייט ארויסשיקן עטליכע פופציג טויזנט איינרוף צעטלעך צום טריפה'נעם מיליטער, און מען גייט אויפשטעלן איך וועל עס אנרופן "צוימונגען" דארט וואו מען גייט אריין צו אידישע שטעט, אפצושטעלן און צו זען ווער ס'איז יא געגאנגען אין מיליטער און ווער ס'איז נישט געגאנגען אין מיליטער.

**מ'האט געמאלדן אז מען גייט בויען הונדערטער תפיסה צעלן, פאר די וואס שטעלן זיך נישט צום מיליטער – מיר ווילן זיי איינמעלדן אז הונדערטער צעלן איז ווייניג, ווייל טויזנטער בחורים און אינגעלייט גייען זיך נישט שטעלן צום מיליטער.**

**אונז דא קענען מיר נאר מחזק זיין די אידן אין ארץ ישראל, ס'װארט אויף זיי זייער א גרויסע ביטערע צרה פון שטעלן זיך צום טריפה'נעם מיליטער.**

דוד המלך זאגט רגלי עמדה במישור, די פיס שטייען במישור, [אז] במקהלים אברך ה', אין ביהמ"ד וועט מען גיין אברך ה'.

### אונז גיי מיר זיך נישט שטעלן אין מיליטער! רגלי עמדה במישור, מ'וועט שטיין גראד פעסט, במישור, אויף'ן דרך התורה והישרה.

אונז דא קענען מיר נאר מחזק זיין אחינו בני ישראל, אונז ווייס מיר נישט מה יולד יום, צי ס'איז אויף א אמת, צי ס'איז נאר אויף א סטראשע. די בלאפערס קענען מיינען, אז זיי ווילן אדורך פירן א געזעץ, ווילן זיי אנשרעקן אז [אויב] מען וועט נישט מיטגיין מיט זייער געזעץ וועט קומען אזעלכע שווערע זאכן. מ'ווייסט נישט צי ס'איז אמת אדער ס'איז נישט אמת, אבער למיחש מיהא בעי אז מ'מיינט עס טאקע יא אמת'דיג.

**אונז וויל מיר מחזק זיין אחינו בני ישראל, אונז פארשטייי מיר אז ס'קומט שווערע צייטן, אבער מ'דארף זיין פעסט.**

### חלילה וחלילה, נישט ארייננגיין בשום אופן אין טמא'נעם מיליטער! מ'דארף זיין פעסט.

**רגלי עמדה במישור, פעסט, מיט סיעתא דשמיא.**

**מ'האט אדורך געטראגן אינעם לאנגן ביטערן גלות שווערע ביטערע גזירות, אידן האבן עס איסגעהאלטן, ס'איז געווען שווער. נצח ישראל לא ישקר, מ'וועט דעם [דאזיגן] גלות אויך אדורך גיין מיט'ן אויבערשטן'ס הילף.**

# 'משרד החינוך' שיקט שארפע ווארענונג פאר מוסדות וועלכע זענען נהנה משלחן איזבל אז זיי מוזן זאפארט זיך צושטעלן צו טריפה'נע לימודי ליב"ה

**מיליאנען פון רעגירונג געלטער וועט נישט באניית ווערן קומענדיגן לערן יאר אויב זיי שטעלן נישט צו א נייעם פלאן פאר די טריפה'נע לימודים דעם ערשטן אוגוסט למס' – אין זעלבע צייט פון שרעקעדיגע באריכט, אז ציפער פון תלמידים אין טריפה'נע "ממ"ח" געשטיגן דאס יאר מיט 40%! נאך וואס גרעסערע מוסדות פון בעלז, קארלין, צאנז, וויזשניץ, און נאך שליסן זיך אן – אל תחטאו בילד**


ב"ה

צאי לך בעקבי הצאן

חרדה גדולה חרדו גדולי ישראל מאז ומעולם על חינוך בני ישראל מינקותם וילדותם, שיהיה על טהרת הקודש ובמסורת אבותינו בדרך ישראל סבא, ובפעיה"ק גדרו עיני העדה מייסדי הישוב זצוקלל"ה זיע"א גדרים וסייגים לטהרת החינוך. מאז החלו משרדי הממשלה להעניק תקציבים עבור תלמודי התורה ומוסדות החינוך הורו רבותינו הגאוה"צ מאריהו דארעא קדישא ובית דינם **להוציא את הילדים ממוסדות הללו הנתמכים וסמוכים על שולחן משרדי השלטונות**, ופקודתם שמרה נפשם של שלומי אמוני ישראל הצועדים בדרכי המסורה מאז ומקדם.

ברוך ה' אשר לא השבית גואל וכהיום הזה יש מעל מאתיים מוסדות תורה וחינוך מגני ילדים ועד ישיבות קטנות וגדולות, וכמו"כ מוסדות חינוך לבנות ישראל כשרות, כה יתן ה' וכה יוסיף, המתנזרים כליל מתמיכות השלטונות, ובמסירות נפש מחזיקים המנהלים החשובים איש על מחנהו ואיש על דגלו את המוסדות בעוז ובגבורה גדלו והצליחו ועושים פרי קודש הילולים בכרם בית ישראל

**וכאשר לדאבון הלב בשנים האחרונות לא הקל המצב אלא החמיר עשרות מונים, כאשר כל עין רואה כי השלטונות מבקשים את תמורת כספים ותמיכתם, ופועלים בגלוי ובסתר בדרכי כפיה ובאופני שידול לשנות את דרכי סדרי ותוכן הלימודים, הדבר ברור ומאיר כמה עיני רבנן שפיר חזו את העתיד להיות, וגדרם הציל את המוסדות המתנזרים מטובתם של רשעים לבל יתפתו לשינויים בדרכי וסדרי הלימודים.**

בעת כזאת, כאשר משנאי ה' נושאים ראש לכלות ולהחריב את החינוך בדרך המסורה חלילה היל"ת, **ברור הדבר כי האיסור בתוקפו עומד בכל עוזו שלא לשלוח את הצאצאים בנים ובנות למוסדות הנתמכים ממשרה"ח**, ובד בבד שומה עלינו לחזק ביתר שאת את הגדרים, לבצר את החומה, לזרז את המזורזין שלא להתפתות אחר שיחה נאה ופאר חיצוני, **ויש לעמוד על המשמר לשלוח את הצאצאים בנים ובנות ילדים ובחורים הי"ו ללמוד במוסדות המתנהלים על טהה"ק, ומסורת אבותינו בידינו**, והיא היא אשר תעמוד להם לראות רוב נחת דקדושה מצאצאיהם ההולכים בדרכי תורה ומסורה.

וזכות השמירה על גדרי ומסורת החינוך וההתבדלות מרשעים, תגן בעדינו להוושע בכל מילי דמיטב, ובעגלא ובזמן קריב נזכה כולנו יחד לאור חדש על ציון תאיר ונזכה כולנו במהרה לאורו בביאת משיח צדקנו הולך תמים בב"א.

ובאעה"ח יום ראשון לסדר 'מה טובו אהליך יעקב' י' תמוז תשפ"ה לפ"ק הביד"צ דפעיה"ק ת"ו

נאם משה שטרנבוך

נאם אברהם יצחק אולמאן — נאם יהושע ראזענבערגער

נאם יעקב מענדל יאראוויטש — נאם יהודה פישר — נאם שלמה יהודה הירש

נאם שמואל בראנדסדארפער — נאם שמעון יצחק שלזינגר — נאם אהרן בראנדסדארפער

כרוזא קרא בחיל: מרן הגאב"ד והבד"ץ מחזק צו שיקן קינדער בלויז אין מוסדות עטה"ק

## "מחזיקים" ווינקל

### לעבעטיגקייט אין שטוב פון שטעקן-געבליבענער מנהל

מנהל בלייבט שטעקן אין אמעריקע צוליב שרעקליכער מדינת ישראל-איראן מלחמה, און, פונדערוויטנס הערט זיך די בשורה איבער א מזל טוב! א ניי קינד געבוירן ביי אים אין שטוב. – א קימפעטארין אליין, מצב איז נישט פשוט, פון וואנעט נעמט מען די גרויסע הוצאות וואס פעלן זיך אויס?

אבער נאך עטליכע ווערטער פונעם מנהל צו איינער פון די עסקני מחזיקים, ווערן זאכן ב"ה מסודר, א **הערליכער סכום איז אפגעשיקט געווארן צום מנהל אין שטוב**, און א לעבעטיגקייט האט אויפגעשיינט אין שטוב. א שמחה בשלימות ב"ה!

### געשמאקער 'מחזיקים' קארטל צו הנאה פון נותנים און מנהלים

'מחזיקים' קארטל וועט געשקענט ווערן אין צדקה מאשינען, און וועט צייגן פאר'ן מנהל בשעת'ן ארומגיין ביי מנינים דעם סכום וואס ער וועט פון אי"ה ערהאלטן פון דעם ספעציפישן נותן, דורך איינע פון די קרנות אין די בתי מדרשים אדער מבצר הכוללים – פרטים יבואו

### ספעציעלע "מחזיקים דראפ-באקסעס" אינסטאלירט אין בתי מדרשים בשכונות 'דברי חיים' און 'זרע קודש' אין קרית יואל

ספעציעל אהערגעשטעלט לטובת הציבור צו קענען איבערלאזן אונטערגעמומענע נדבות פאר די מנהלי מוסדות עטה"ק וועלכע קומען אין די בתי מדרשים לזכות הציבור – וועט אי"ה אהערגעשטעלט אויך אין אנדערע בתי מדרשים ברחבי העיר

### נייער גבאי קודש אויפגענומען אין ביהמ"ד 'אהל פיגא' אין קרית יואל

העסקן הותיק הר"ר יוסף מאיר רייכמאן הי"ו נתמנה געווארן אלס גבאי קודש, צוזאמצונעמען נדבות הציבור מתפללי הביהמ"ד למען מנהלי מוסדות עטה"ק – בברכת צלח ורכב

# טויזנטער ביי עצרת מחאה אדירה קעגן שענדליכע חפירת קברים רח"ל אין שטאט 'יאהוד', אין שפיץ פון עיני העדה חברי הביד"ץ שליט"א


ב"ה

**הודעה דחופה**

**בפקודת רבותינו שרי התורה הביד"צ שליט"א**

נתבקשנו להודיע כי המחאה גדולה ואדירה נגד חיטוטי שכבי שהיתה אמורה להתקיים מחר יום ג'

**נדחתה לע"ע**

מפני כבודו של מרן שר התורה פוסק הדור שליט"א

בעל 'מועדים וזמנים' ושו"ת 'תשובות והנהגות'

שנבצר ממנו להשתתף

**תבוא הודעה אי"ה נפרדת על קיום המחאה במועד אחר**

יום ב' לסדר זאת חקת התורה ד' תמוז תשפ"ה — **העדה החרדית**

שוידערליכע בזיון התורה, דורך נידריגע עלעמענטן בלבוש הקנאות, ב"ה אפגעשטעלט געווארן די לעצטע מינוט, ווען ביד"ץ העדה החרדית איז מבטל פלענער וועלכע האבן געצילט צו מבזה זיין עטרת תפארת ישראל דער רב שליט"א



אויפברויז: פארשטייער פון אתרא קדישא זיצן אינעם ציוני'סטישן ראבינאט אנבאלאנגט מערכה אין 'יאהוד', אבער מאכן דאס גענאר פון בד"ץ העדה החרדית


**מכתב עוז מרבנו הגדול פוסק הדור**

**כ"ק מרן הגאב"ד שליט"א**

**לעצרת המחאה על הריסת בית החיים ביהוד**

בעז"ה ד' תמוז תשפ"ה

לכבוד יראי ה' המתאספים בראשות הרבנים הגאונים חברי הבד"צ והאדמו"רים שליט"א למחות במקום החילול על חיטוטי שכבי ל"ע בעיר יהוד.

כאשר נבצר ממני לצאת מהעיר ולנסוע עד מקום החילול, הריני לחזק ידיכם במחאה גדולה ולזעוק על מחטטי שכבי, פלגיא גולגא הוא, הרפו ידיכם מקברי אבותינו.

וחז"ל אמרו שלכל מת יש דין קודש, והרי לקודש יש דין שמירה, וחיוב שמירה זו מוטל על כל בית ישראל בכל מקום שהם, ועלינו למחות על חיטוטי שכבי הנעשה שם יחד עם עוד חיטוטי שכבי הנעשה בעוה"ר בעוד מקומות בשנים האחרונות ואין פוצה פה ומצפצף.

והאמת שאפילו בדור עובדי עבודה זרה לא העיזו לנגוע בקברים, וכן בדורות האחרונים אפילו אותם שפקרו לגמרי, עדיין כיבדו את המתים ובאו לומר או לשמוע קדיש. ובעוה"ר בדורינו, מזלזלים בכבוד המת באופן מבהיל מתוך כפירה בהשארת הנפש ובתחיית המתים. ואין ספק שגם המתים צועקים ותובעים שלא יחרישו כאשר מבזים אותם ועושים מהם כבשר של מקולין ה"י.

ובגמ' איתא שבשעה חיטוטי שכבי מידת הדין גוברת והולכת, ומקווים אנו שבמחאה זו נשבית מידת הדין, ומהמתים אנו מבקשים שימחלו ושיהיו מליצי טוב עלינו, שאנחנו עשינו מחאה ראני שלוחים של כל עם ישראל.

ומאויבי תחכמני מצותיך, מהמסירו"נ שלהם ודרכי עבודתם נלמד ללחום במסירות נפש, ואנו צריכים להתחזק ולהתאמץ באמונה שלימה, ובקרוב נזכה לישועתן של ישראל ולביאת משיח צדקינו.

הנני המצפה לרחמי שמים מרובים

מכתב קודש פון פוסק הדור מרן הגאב"ד שליט"א פארגעליינט ביים עצרת דורך הגאון הגדול רבי יהודה פישער שליט"א חבר הבד"ץ




## חברי כנסת המינים טאפלטער שפיל

- שטויסן אויף אלע זייטן אז ביבי מוז דורכפירן חוק הגיוס – וואס האט שוואכע שאנסן באשטעטיגט צו ווערן, און ווערט זיכער צונישט ווערן דורכ'ן בג"ץ – אינדערצייט וואס געפלאנטער חוק (וואס אדלשטיין האט נאך ניטאמאל פארגעשטעלט...) וועט אנטהאלטן שוידערליכע פשרות, און שווערע סאנקציעס.
- אין צייט וואס אלע ישיבות ברענען, בחורים ציטערן פאר זייער עתיד, קומט פאר וועלט מלחמה ממש צווישן חה"כ, בעיקר פון אייכלער און פרוש קעגן גור (גאלדקנאפף, באבטשיק), ווען אייכלער וויל ווערן שר השיכון אויף גאלדקנאפף'ס פלאץ, מיט שטיצע פון פרוש און גפני – פרייע מידיא טרייבט קאטאוועס פון קינדערישע געפעכט אויף א בענקל, אין צייט וואס גזירת גיוס הענגט ווי א שווערד

## "המצב נורא ואיום"

### חשוב'ער מציל הר"ר דוד משה דייטש שיקט ארויס היסטערישע הודעה צו מצילי המרכז:

**"דער מצב אין אפיס איז נורא ואיום, שרעקליכער אנשטויסעניש, מען קען נישט נאכקומען די ארבעט"**






## ברכת מזל טוב

לידידנו החשוב עסקן נמרץ

הר"ר **יחזקאל יודא איינהארן** הי"ו

אב"י בירושלים עיה"ק - עומד לימין מצילי המרכז בכל עת ועידן במסירות נאמנה

לרגל **הולדת בתו** למז"ט

***

לידידנו החשוב

הר"ר **יעקב יוחנן ברוין** הי"ו

עסקן נמרץ לטובת מרכז עזרה ויעוץ

לרגל **הולדת בנו** למז"ט

יה"ר שאך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם, ויזכו להמשיך בפעולותיהם הברוכות ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא

**זיך מזכיר צו זיין פאר א ישועה ביי רבי שמעון בר יוחאי**

און שיקן א קוויטל וואס וועט ווערן פארגעליינט ביים ציון קודש הקדשים דורכ'ן בעל מסירת נפש הר"ר שמעון שישא שליט"א

רופט דעם עסקן המרכז בארה"ב הר"ר הערשל פר"מ הי"ו אויף 718.977.5227